NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05091

LOBO

Ernest Thompson Seton

*Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Paul & Rachael Klonymus Guth
in memory of
their beloved mother, Syd Guth*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערנעסט־סעטאָן טאָמפּסאָן

לאָבאָ

דער קיניג פון קורומפּא

(אַ געשיכטע פון א וואָלף)

איבערגעזעצט
— דורך —
סאָניע קאַנטאָר

פארלאג
„דאָס בוך"
ביאליסטאָק.

דרוקעריי מ. ב. מירסקי ביאליסטאָק

לאבא,

דער קיניג פון קורומפא.

I.

אונטערן נאמען קורומפא איז באוואוסט א ברייטע פירייכע געגנט אין דרום-טייל פון ניי-מעקסיקע. דאס איז א לאנד פון ברייטע פאשע-פעלדער, פול שאף, א לאנד פון ברויזנדיגע שטראמען, וועלכע גיסן זיך ענדלאך צונויף, אין טייך קורומפא, וואס גיט זיין נאמען דעם גאנצן לאנד. און דער הערשער פון דער געגנט, וועמעס דרוק עס האט זיך פארשפרייט פון ארט צו ארט, איז געווען אן אלטער גרויער וואלף.

דער אלטער לאבא, דער קיניג, ווי עס האבן אים גערופן די מעקסיקאנער, איז געווען אן אנפירער פון א בארימטער

וואָלפן-שאַרע, וואָס האָט אין פּאַרלויף פון לאַנגע יאָרן באַלעבאַ-
טעוועט אין טאָל פון קורומפּאָ. אַלע שאַפהיטערס און פאַרמערס
האָבן אים גוט געקענט. וואו נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן מיט
זיין שאַרע, פלעגט א שרעק באַפאַלן דעם שאָף, און צאָרן מיט
פאַרצווייפלונג—די פאַרמערס. דער אַלטער לאָבאָ איז געווען אַ
ריז צווישן וועלף, און זיין קראַפט און כיטריקייט איז ניט קלע-
נער געווען פון זיין גרויס. די דאָרטיקע איינוואוינער האָבן זיין
נאַכט וואיען שוין גוט געקענט. אַ געוויינלאַכער וואָלף האָט גע-
מעגט גאַנצע שעהן וואיען לעבן דעם לאַגער פון דעם פאַרמער,
ער זאָל דערויף אַכט לייגן ניט מער ווי אַ קורצע ווײַלע קוים
אָבער האָט זיך געהערט איבער די טאלן דאָס דונערן פון דעם
טיפן באַס פון אַלטן קיניג—פלעגט אַ שטאַרקע אומרואיקייט
באַהערשן די וועכטערס און די הערן, און זיי זיינען געווען זיכער
אַז גלאַט וועט דאָס שוין ניט אָפּגיין.

די שאַרע וועלף פון אַלטן לאָבאָ איז ניט גרויס געווען.
כ'האָב דאָס בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, ווייל אַ וואָלף,
וואָס דערגרייכט צו אַזאַ מאַכט און קראַפט, האָט געוויינלאַך פיל
אָנהענגערס. מעגלאַך, אַז ער האָט אליין ניט געוואָלט האָבן קיין
גרויסע שאַרע, מעגלאך אויך, אַז זיינע גרוויזאַמע מדות האָבן ניט
געלאָזט דער שאַרע זיך צו פאַרמערן. איינס איז זיכער: ביז דער
לעצטער צייט פון זיין הערשאַפט, האָט לאָבאָ געהאַט ניט מער
ווי פינף איינציגע חברים. דערפאַר איז יעדער פון זיי געווען א

וואוילער וואלף, איינער גרעסער און פלינקער פאר דעם אנדערן.

אויסער די אנפירערס, זיינען אין דער שארע געוועזן אויך אנדערע וועלף, וועלכע האבן געהאט א באזונדערן שם. איינער פון זיי, א פראכטפאלער ווייסער וואלף, האט באקומען פון די מעקסיקאנער א צונאמען בלאנקא, דאס איז, ווארשיינלאך, געוועזן לאבאס ווייב. ניט ווינציקער איז באוואוסט געוועזן א געלער וואלף, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומגעהייערע פלינקייט; מ'זאל גלויבן די מעשיות וועגן אים, האט ער פיל מאל געכאפט פאר זיין שארע פלינקפיסיקע אנטילאפן.

לאבא.

נאטירלאך, זיינען די וועלף גוט באקאנט געוועזן אלע יעגערס און שאפהיטערס. מ'האט זיי אזוי אפט געזען, און אזוי אפט פון זיי געהערט, אז זייער לעבן האט זיך איינג צוזאמענגעפלאכטן מיטן לעבן פון די שאפבאזיצערס, וועלכע וואלטן זיי גערן אומגעבראכט. ס'איז ניט געוועזן קיין איין איינציקער שאפבאזיצער אין קורומפא, וועלכער זאל ניט אפגעבן פיל פון זיינע

אקסן פאר יעדן איינציקן וואלף פון לאבאס שארע, נאר זייער לעבן איז געווען ווי פארכשופט, און אלע באמיהונגען זיינען געבליבן אן ערפאלג. זיי האבן פאראכטעט אלע יעגערס, חוזק געמאכט פון יעדן מין סם, און אין פארלויף ניט ווייניקער ווי פון פינף יאר, האבן זיי ניט אויפגעהערט צו נעמען פון די פארמערס אן אפצאל, ניט קלענער, פון א גאנצער קו א טאג, לויט ווי ס'האבן מיר איבערגעגעבן פארשיידענע מענשן. לויט דער אויסרעכענונג האבן זיי פארניכטעט ניט ווייניקער פון צוויי טויזנט אויסגעצייכנטע קעפ שאף, ווייל ווי ס'איז שוין גוט געווען באוואוסט, האבן זיי ביי יעדן פאל אויסגעווילט פאר זיך פון דאס בעסטע.

די אלטע מעשה, אז א וואלף איז שטענדיק הונגעריק און גרייט צו עסן, אלץ, וואס נאר עס מאכט זיך, איז אין דעם פאל געווען זייער וייט פון אמת. די פיראטן זיינען שטענדיק געזונט געווען און שטארק אויסגעקליבן, וואס צו עסן. נאך ווינציק, וואס זיי האבן זיך ניט צוגערירט צו טויטע חיות, וועלכע זיינען אומגעקומען אדער פון א קרענק, אדער סתם אזוי, זיי האבן זיך אויך ניט צוגערירט צו א בהמה, וועלכע איז געטויט געווארן מיט א מענשלאכער האנט. זייער בעסטע טעגלאכע שפייז איז געווען דער בעסטער טייל פון א פריש דערהרגעטע יאריקע קאלב. אלטע אקסן און קי האבן זיי געבראקירט, און ס'איז אויך באוואוסט געווען, אז שעפסנפלייש האט זיי ניט געשמעקט,

כאטש זיי האבן אפט פארצוקט שעפסן צוליב א שפיל. איינמאל, ביינאכט אין נאוועמבער 1893 יאר, האט בלאנקא מיטן געלן וואלף פארצוקט צוויי הונדערט פופציק שעפסן, לויט אלע סמנים, בלויז צוליב שפיל, ניט פארזוכנדיק קיין לייט פון זייער פלייש.

כ׳וואלט געקענט ברייגגען נאך פיל ביישפילן פון פארוויסטונגען, וואס האט אנגעמאכט די צושטערערישע שארע. יאר צו יאר האט מען אויסגעטראכט נייע מיטלען זיי צו פארניכטן—זיי האבן אבער געלעבט געזונט און פריי, ניט קוקנדיק אויף אלע באמיהונגען פון זייערע שונאים. מ׳האט באשטימט פאר לאבאס קאפ א גרויסן לוין—און מ׳האט אים דערלאנגט סם אין צענדליקע קונציק אויסגעארבעטע מיטלען, ער אבער האט עס שטענדיק באמערקט און אויסגעמיטן. פאר איין זאך האט ער מורא געהאט—פארן פייערשיסנדיקן געווער, און וויסנדיק גוט, אז אלע דארטיקע איינוואוינערס זיינען מיט געווער באזארגט, פלעגט ער שטענדיק אויסמיידן זיך צוזאמענטרעפן מיט א מענשן.

די גאנצע שארע האט שטרייגג געפאלגט דעם באפעל זיך גלייך צולויפן, דערזעענדיק א מענשן בייטאג ווי ווייט פון זיי ער זאל זיך ניט געפינען. די געוואוינהייט פון לאבא צו ערלויבן דער שארע צו עסן בלויז די חיות, וואס זיי אליין האבן צוריסן האט זיי ניט איין מאל געראטעוועט, און דער זעלטענער חוש פון זיין נאז, וואס פלעגט גלייך דערשנאפן די צייכנס פון מענש-

לאכן מגע ומשא אדער פון סם—האט נאך פארגרעסערט זייער זיכערקייט.

איינמאל האט איינער פון די יעגערס דערהערט דעם גוט באַקאנטן וואיען פון אלטן לאָבאָ. צוגנבענענדיק זיך שטילערהייט האט ער דערזען די גאנצע שארע קורומפא אין אַ טאל, וואו זי האָט ארומגערינגלט א קליינע סטאדע פון קי. לאבאָ האָט זיך געהאַלטן אן אַ זייט אויף אַ בערגל. בלאנקא האָט מיט דער הילף פון אַנדערע וועלף געפּרובט אָפּטיילן פון סטאַדע אַ קעלבל, וועלכן זיי האָבן אויסגעקליבן. דאס שאף איז געשטאַנען איינגצונויפגעשטופּט, ארויסשטעלנדיק די קעפּ און האָט געדראט דעם פיינט מיט א פעסטער וואנט פון א רייע הערנער. פון צייט צו צייט פלעגט די רייע זיך איבעררייסן, ווען דאָס דערשראָקענע קעלבל האט זיך באַמיט אָפּצוטרעטן אין צענטער פון טשערעדע פאַר אַ נייעם וואָפּנאנגריף. אַ דאנק די צייטווייליקע דורכבּרעכונגען, האט זיך איינגעגעבן די וועלף צו פאַרוואונדן דעם דערמאָנטן קעלבל. ער איז נאך אָבער פון רייע ניט אַרויס.

ענדלאך איז לאבא, ווי ס'ווייזט אויס, אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון געדולד און, פאַרלאזנדיק זיין פּאזיציע אויפן בערגל האט ער זיך מיט אַ פארשטיקטן בריל געוואָרפן אויפן שאָף. די דערשראקענע רייען זיינען זיך צופאַלן אונטער זיין דראנג, און ער האט זיך אריינגעריסן צווישן די שאף. די סטאדע האט זיך צושפּרייט אין אַלע זייטן, ווי שטיקלאַך פון אַן אויפגעריסענער

באמבע. דער אויסגעווײלטער קרבן האט זיך אויך געלאזט אנטלויפן, נאר ער האט ניט באוויזן אפצולויפן קיין פינפאונצוואנציק טריט, ווי לאבא האט אים דעריאגט. אנכאפנדיק אים פארן רוקן מיטן גאנצן כח האט ער אפגעשטעלט דאס קעלבל, און אראפגעשטופט עס פון די פיס. דער שטופ איז געווען אזוי שטארק, אז דאס קעלבל האט זיך איבערגעדרייט איבערן קאפ. לאבא האט אויך געמאכט א סאלטא-מארטעלע, ער אבער איז גלייך אויפגעשפרונגען און די אנגעלאפענע צוהעלפערס האבן צורעכט געמאכט דאס ארימע קעלבל אין א פאר קורצע סעקונדן. לאבא האט מער ניט אנטייל גענומען אין דער שלאכט; אומווארפנדיק איינמאל דעם קרבן, האט ער ווי געזאגט:

— א נו — פארוואס עפעס האט קיינער פון אייך ניט געקענט דאסזעלבע באוויזן? ניט פארלירנדיק קיין איבעריקע צייט?

דער יעגער, וועלכער האט עס געזען, האט א שפרונג געטאן צו זיי מיט אן הויכן געשריי; די וועלף ויינען, ווי געווינלאך, אוועק, און דער יעגער, וועלכער האט זיך פארזארגט מיט סטריכנין, האט שנעל אנגעלייגט סם אין דריי ערטער פון קעלבל, און איז זיך אוועק, איבערצייגט, אז די וועלף וועלן זיך אומקערן נאך זייער קרבן און דאמאלסט וועלן זיי זיך פאר'סמען. אבער, ווען ער איז צומארגנס געקומען נאך די ערווארטעטע קרבנות, האט זיך ארויסגעוויזן, אז הגם די וועלף האבן אויפגעפרעסן דאס קעלבל, האבן זיי פארזיכטיק אפגעקליבן און אפגעווארפן אלע פאר'סמטע טיילן.

די מורא פאַרן שטאַרקן וואָלף האט זיך פון יאר צו יאר אַלץ מער פארשפרייט צווישן די פארמערס און פון יאר צו יאר איז געשטיגן דער פרייז פאר זיין קאָפּ, ביז ער האט ענדלאך דערגרייכט ביז טויזנט דאָלאַר, אַן אמת אומדערהערטער פרייז פאר אַ וואלף.

איינמאל, צוגעצויגן פון דעם גרויסן לוין, איז געקומען אין טאל פון קורומפּא אַ טעקסאַסער וואלפניעגער, מיטן נאמען טאנעריין. ער איז געווען ווי צום בעסטן פארזארגט צו אַ וואָלפן־יאגד: אן ערשטקלאסיקער פערד, א ביקס און א סטייע פון גרויסע וועלפּהינט. אין די ווייטע פעלדער פון זיין געגנט, האט ער מיט זיינע הינט שוין ניט איין וואָלף באזיגט און ער איז געווען פול־קום זיכער, אז אין אַ פּאר טעג ארום וועט דער גוף פון אַלטן לאבא נאכהיינגען נאך זיין זאטל.

פלינק האבן זיי זיך געלאזט אויפן יאגד, אין דעם גרויען פרימארגן פון אַ זומער־טאג—און באלד האבן פריילאך זיך אָפּ־גערופן די גרויסע הינט, צוּוויסנגעבנדיק אַז זיי זיינען שוין אויף די שפּורן פון רויב.

נענטער ווי צוויי מייל פון זיך, האבן זיי באמערקט די גרויע וועלפּישע שארע, די געיעג איז געווארן אַ שנעלע און אַ ווילדע. די וועלפהינט זיינען באשטימט געווען בלויז דערצו, זיי זאלן פארהאלטן די וועלף, ביז דער יעגער וועט צוקומען און זיי אויס־שיסן, דאס איז זייער לייכט געווען אין די אָפענע פעלדער פון טעקסאס; דאָ אָבער האט זיך אנטדעקט אַ נייע איינגנשאפט פון



לאבאָ און טענעריים הינט.

דער געגנט וועלכע האט באַזיזן, ווי קינציק און קלוג האט אויסגעקליבן לאָבאָ זיין פעלד פון שלאַכט; וויל דאס פעלד האט זיך דאָ אַדורכגעהאַקט אין אלע ריכטונגען מיט די פעלזן און טאָלן. דער אַלטער וואָלף איז גלייך צוגעגאַנגען צום נאָנטסטן פון זיי און איבערטראָגנדיק זיך אויף יענער זייט פון פעלז, איז ער פּטור געוואָרן פון רייטער. זיין שאַרע האט זיך גלייך צושאַטן, צושיטנדיק מיט דעם די הינט, און ווען זיי האָבן זיך פאַראייניקט אויפסניי, האָבן שוין, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, געפעלט אַ פּאָר הינט און די וועלף, וועלכע האָבן איצט שוין ניט מורא געהאַט פאַר דער צאָל פון זייערע פאַרפאָלגערס, האָבן זיך געווענדעט קעגן זיי און געטויט אָדער פאַרוואונדעט אַלע הינט ביז איינעם. ביינאַכט, ווען טענעריין האט צוזאַמענגערופן די הינט, זיינען אָנגעקומען בלויז זעקס, און צוויי פון די זעקס מיט שרעקלאַכע וואונדן. דער יעגער האט געפּרובט נאָך צוויי מאָל, אָבער ביידע מאָל אָן ערפאָלג, צולעצט האט זיך זיין בעסטער פערד צוקלאַפּט אויף טויט אין די בערג; נאָכדעם האט ער זיך אין פאַרצווייפלונג אנטזאגט פון דעם יאַגד און האט זיך אומגעקערט אין טעקסאס, און לאָבאָ האט נאָך מער ווי ביז איצט באַלעבאַטעוועט אין קורומפּא.

אין א יאָר אַרום זיינען געקומען נאָך צוויי יעגערס וואס האבן באשלאסן צו פאַרדינען דעם גרויסן לוין. יעדער איז געווען זיכער, אז ער וועט זיך אַן עצה געבן מיטן באַרימטן וואלף; דער ערשטער מיט דער הילף פון אַ באַ-

זונדער מין סב, צוגעגרייט גאר אויף אַ נייעם אופן; דער צווייטער, אַ פראַנצויז פון קאַנאַדע, אויך מיט דער הילף פון סם, נאר מיט אַ צוגאַב פון אַ באַזונדערן כּשוף און אפּשפּרעכונגען, ווייל ער האט פעסט געגלויבט אַז אין דער פּערזאָן פון לאַבאַ לעבט אַן אמתער גלגול, וועלכער קען ניט דערהרגעט ווערן מיט געוויינלאַכע מיטלען. אבער ניט דין קונציק אויסגעאַרבעטע סמען, ניט דער כּשוף און ניט די אָפּשפּרעכונגען האבן געווירקט אויף דעם גרויען גזלן. ווי פריער פלעגן פּאַרקומען זיינע מאָרדקע וויזיטן צווישן די שאָף און רינדער.

.2

די אַלע דערציילונגען, וועלכע די יעגערס פלעגן מיר איבערגעבן, האָבן ביי מיר ארויסגערופן ווייניק צוטרוי, ביז איך האָב זיך אַליין ניט באַקענט אין הארבסט 1893 מיטן געשיקטן גרויען גזלן, דערפאר אָבער איז מיר געלונגען זיך מיט אים צו באַקענען מער פון די אלע וואָס האָבן אים שוין געקענט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך געפירט אַ לעבן פון אַ וואָלף־יעגער, דערנאָך האט זיך מיין אַרט באַשעפטיגונג געענדערט, צושטידנדיק

מיך צום שטול און צום שרייבטיש. ס'האט מיך שוין לאנג גע־צויגן צום פרייען לעבן, און ווען איין פריינט מיינער, אויך א פארמער אין קורומפא, האט מיך איינגעלאדן אין ניי־מעקסיקע צו פרובן גליק מיט דער רויבערשער שארע, האב איך גערן אנ־גענומען די איינלאדונג און האב זיך צוגעאיילט צו קומען אהין. די ערשטע טעג האב איך פארבראכט בלויז אין ארומפארשן די גאנצע געגנט, און פון צייט צו צייט האט מיין באגלייטער אנגע־וויזן אויף א פרישן טויטן קערפער פון א קו, דערקלערנדיק:

— „דאס איז זיין ארבעט".

מיר איז געווארן פולקום קלאר, אז אין דעם שטיינערנעם געגנט איז ניטא וואס צו קלערן פון א יאגד מיט פערד און הינט און אז די איינציקע מיטלען פון קאמף מוזן בלייבן סם און קאפ־קאנעס. צו יענער צייט האבן מיר ניט געהאט קיין גרויסע קאפ־קאנעס, דעריבער האב איך זיך גענומען צו סם.

איך וועל דא ניט אריינגיין אין די איינצלהייטן פון הונ־דערטער קונצן, וועלכע איך האב אנגעווענדעט קעגן אים. ס'איז ניט געווען קיין איין קאמבינאציע פון סטריכנין, ארשעניק, בלוי־זויער, וועלכע כ'זאל ניט באנוצן; ס'איז ניט געווען קיין איין סארט פלייש, וועלכן איך זאל ניט אויסקלייבן כדי אים צו צו־ציען, אבער טאג אויס טאג, ווען כ'פלעג קומען געוואר ווערן פון רעזולטאט, איז מיר אויסגעקומען זיך איבערצייגן אין מיינע מפלות. דער אלטער קיניג האט א סך מער שכל געהאט פאר

מיר. איך וועל נאר ברייגגען אן אײנציקן ביישפיל פון זיין דורכ=
געטריבנהייט. לויט אן עצה פון אן אלטן וועלפיעגער, האב
איך צולאזט אביסל קעז צוזאמען מיט לעבערשמאלץ פון א
נאר וואס געקוילעטן קעלבל. דערצו האב איך געשניטן דאס
פלייש מיט א ביינערנעם מעסער, און האב עס צולאזן אין א פאר=
צעלאיענער כלי, כדי אויסצומיידן דעם גערוך פון מעטאל. ווען
דאס אויסמישאכץ איז קיל געווארן, האב איך עס צושניטן אויף
שטיקער און אויסלעבערנדיק יעדן שטיק, האב איך עס אנגע=
פילט מיט א שטארקער פארציע פון סטריכנין און ציאן=קאלי,
וועלכן איך האב איינגעוויקלט אין בלעטעלאך וואס לאזן ניט
אדורך קיין גערוך. צום סוף האב איך פארשמירט די לעכלאך
מיט דעמזעלבן קעז. ביי דער גאנצער צייט פון דער אפעראציע,
האב איך ניט אראפגענומען די הענטשקעס, וועלכע כ׳האב איינ=
געטונקט אין װארם בלוט פון קעלבל איך האב אפילו אויסגעמיטן
צוהויכן אויפן פלייש. ווען אלץ איז פארטיק געווען, האב איך
דאס אלץ אריינגעלייגט אין א זאק פון רויען פעל, איינגעשמירט
מיט בלוט און, רייטנדיק, האב איך געשלעפט הינטער זיך אויפן
שטריק דעם לעבער מיט די נירן. אזוי האב איך געמאכט א קרייז
פון צען מייל, ווארפנדיק יעדער פערטל מייל א שטיק פלייש און
אויסמיידנדיק, ווי פריער, צורירן זיך דערצו מיט די הענט.

לאבא האט זיך באוויזן געוויינלאך אין דעם געגנט, אין אנ=
הויב פון יעדער וואך, פארברייגגענדיק די איבעריקע טעג ביים

ברעג פון בארג סיערא גראנדע. דאס איז געווען מאָנטיק, און ווען כ׳האב זיך שוין געקליבן אַ היים, האב איך דערהערט דעם טיפּן באס פון זיין מאיעסטעט. ביי דעם קלאַנג, האט איינער פון די יעגערס קורץ באמערקט:

„— אָט איז ער;—איצט וועט מען זען!״

/ צומארגנס, האב איך געבּרענט פון אומגעדולד צו זען שוין די פאלגן, און האב זיך געלאזט אין וועג. באַלד האב איך געפונען דעם פרישן שפּור פון די רויבער, מיט לאָבאָ אין דער שפּיץ — אים איז ניט שווער געווען צו אינטערשיידן פון אַנדערע. דער שפּור פון אַ פאָדערשטער לאפּע פון אַ געוויינלאכן וואלף האלט $4\frac{1}{2}$ צאל, פון אַ גרויסן וואלף — $4\frac{3}{4}$, לאָבאָס שפּור אבער, וואס איז דורך אונז פיל מאל געווען דורכגעמאסטן, האט דערגרייכט פון דער פּיענטע ביז די נעגל $5\frac{1}{2}$ צאָל; שפּעטער האב איך זיך איבערציינגט, אַז די גרויס פון זיינע איבעריקע גלידער האט אַנטשפּראכן דער גרויס פון זיין טריט, ווייל ביזן רוקן האט ער געהאלטן דריי פוס און ער האט געוואויגן 150 פונט. אויף אַזא אופן איז שטענדיק לייכט געווען אויסצוזוכן זיין שפּור, אפילו ווען ער איז געווען צוזאַמענגעפּלאנטערט מיט די שפּורן פון זיין שאַרע. די לעצטע האט שנעל דערשנאפּט, וואו איך האב געשלעפּט דאס פלייש, און האט זיך געלאזט, ווי דער שטייגער איז, נאכן שפּור. מיר איז געלונגען דורכצופארשן, אַז לאָבאָ איז צוגעגאנגען צו דער ערשטער שטיק פלייש, האט עס אַרומגעשמעקט און האט עס

ענדלאך אויפגעהויבן פון דער ערד.

איך האב ניט געקענט איינהאלטן מיין שמחה:

— „ענדלאך איז ער אריינגעפאלן!“—האב איך אויסגעשריען.

— „ניט ווייטער ווי אין א מייל פון דאנען וועל איך געוויס געפינען זיין טויטן קערפער!“—האב איך געטראכט, ניט אראפלאזנדיק מיינע דורשטיקע אויגן פון שפור פון די ברייטע לאפעס אויף דעם שטויב. זיי האבן מיך צוגעפירט צום ארט פון צווייטן שטיק פלייש, וועלכער איז שוין אויך ניט געווען. ווי געפרייט האב איך זיך! איצט איז ער שוין מיינער, און אפשר מיט נאך וועלף א צוגאב. אבער דער שפור פון דער ברייטער לאפע איז אלץ פון וועג ניט פארשוואונדן, און וויפיל כ'האב מיך ניט געהויבן אויפן זאטל, ארומקוקנדיק די געגנט, איז ניט געווען צו זען קיין שום ענלאבקייט צו א געפגרטן וואלף. איך בין געפארן ווייטער און האב זיך אי בערצייגט, אז דאס דריטע שטיק פלייש איז אויך פארשוואונדן און דער קיניגלאכער שפור האט געפירט צו דעם פערטן. דא ערשט, האב איך זיך דערוואוסט, אז ער האט ניט דערשלונגען קיין איינס פון זיי, נאר בלויז אוועקגעטראגן זיי אין מויל. אפלייגנדיק אלע פיר שטיקלאך אין איין הייפל, האט ער זיי באשמוצט אויף אן אופן, וואס האט קלאר געוויזן זיין פולע פאראכטונג צו אלע מיינע באמיהונגען. באלד דערנאך האט ער פארקערט פון וועג און איז זיך אוועק צוזאמען מיט זיין שארע, וועל-

כעֶ עֶר האט אַזוי שטארק אפגעהיט.

דעֶר פאל, איז געוועֶן נאר איינעֶר פון א סך, וואס האבן מיך איבערצייגט אַז מיט סם, וועט מיר ניט געלינגען צו באזיגן דעם מערדער, און הגם כ׳האב ניט אויפגעהערט צו צוווארפן סם האב איך עס געטאן בלויז פאר די איבעריקע וועלף פון דער פרעריע, ווי אויך פאר אנדערע אירע רויבערשע באוואוינער.

אין פארלויף פון דער צייט איז מיר אויסגעקומען צו באמערקן א פאל, וואס קען דינען אלס ביישפיל פון לאבאס טייוולשער כיטריקייט. די וועלף פון זיין שארע פלעגן ניט איינמאל צויאגן און צורייסן שעפסן בלויז אין אַ שפיל.

די שעפסן האלטן זיך אויף, געוויינלאך אין טשערעדעס פון איין ביז דריי טויזנט אונטער אן אויפזיכט פון איינעם אדער א פאר פאסטוכער. ביינאכט פארטרייבט מען זיי אין א געזיכערטן ארט, איין טשערעדע נעבן דער אנדערער און צום סוף פון יעדער טשערעדע נעלטיקט א וועכטער. די שעפסן זיינען אזוי נאריש, אז זיי זיינען גרייט צו לויפן, וואו עס זאל ניט זיין, ביי א קלענסטן טומל, דערפאר איז אבער אין זייער נאטור-פעסט איינגעווארצלט די טבע, ניט אפצושטיין פון די פירערס, די היטערס באנוצן צו זייער גונסטן די טבע, באזארגנדיק יעדע טשערעדע מיט א האלבע טוץ באקן. די שעפסן אנערקענען דעם אויסגעצייכנטן שכל פון זייערע בערדיקע ברידער און אין פאל פון א נאכט-פאניק, זאמלען זיי זיך ארום זיי, מיט וואס זיי ווערן פארהיט פון די פאלגן פון א פאניק,

דאך, ניט אלעמאל גייט עס אן!.

איינמאל ביינאכט, אין סוף פון נאוועמבער האבן צוויי היטערס פון פעריקא אויפגעכאפט זיך פון א וועלפנאנפאל. זייערע טשערעדעס האבן זיך איינג געשטופט ארום די באקן, די לעצטע אבער, ניט זייענדיק קיין נאראנים און ניט קיין בעל-פחדנים זיינען פעסט געשטאנען אויפן ארט, גרייטנדיק זיך צום ווידערשטאנד; אבער צו זייער אומגליק האט ניט קיין געוויינלאבער וואלף געפירט דעם אנגריף. דער אלטער לאבא האט געוואוסט ניט ערגער פון די היטערס, אז די גאנצע קראפט פון דער סטאדע זיינען די באקן; דערפאר איז ער צוגעלאפן צו די באקן, אריבערשפרינגענדיק שנעל אויף די רוקנס פון די איינג צונויפגעשטופטע שעפסן, האט זיי אויסגעקוילעט אין א פאר מינוט און באלד דערנאך צוטריבן די צושראקענע שעפסן אין טויזנטער פארשיידענע ריכטונגען.

אין פארלויף פון לאנגע וואכן נאכדעם, פלעגט מיך כמעט טעגלאך פארהאלטן א פארזארגטער היטער מיט די ווערטער:—„צו האט איר די טעג ניט געזען קיין בלאנדזשענדע שעפסן מיטן שטעמפל „א.ט.א.?‟—און כמעט שטענדיק פלעגט מיר אויסקומען צו ענטפערן:—„יא, כ'האב זיך אנגעשטויסן אויף פינף, זעקס פגרים ביי דעם קוואל פון בריליאנטן‟; אדער:—„איך האב געזען א קליין הייפל לויפנדיקע שעפסן אויף דעם פעלד מאלפאי‟, אדער נאך:—„ניין, אבער רואן מייער האט געזען מיט צוויי טעג צוריק אן ערך פון צוואנציק פריש געקוילעטע שעפסן אויפן צערערבערגל‟.

ענדלאך זײַנען אנגעקומען די װעלף־קאפּקאנעס; כ'האב א גאנצע װאָך געאַרבעט מיט צװײ צוהעלפערס, ביז איך האב זײ ניט געבראכט אין א געהעריקן צושטאנד.

מיר דאַרפן ניט געקירצט קײן מי; איך האב באַנוצט פאַרשײדענע מיטלען, װאס זאלן פארגרעכערן די אויסזיכטן פון ערפאָלג. אויפן צװײטן טאָג נאָכן פאַנאנדערשטעלונג פון די קאפּ־קאנעס, בין איך געפאָרן זײ ארומקוקן, און באלד האב איך געפונען דעם שפור פון לאבא, װאס האט געפירט פון אײן קאפּקאן צום צװײטן. אויפן שטויב האט מען קלאָר געלעזן די געשיכטע פון זײַן נאכט־ארבעט. ער האט רואיק געשפאנט אין דער פינסטער, ביז ער האט פלוצלונג ניט באמערקט דעם ערשטן קאפּקאן, װאס איז דאך געװען גוט באהאלטן. אפּשטעלנדיק דעם װײטערדיקן לויף פון דער שארע, האט ער פארזיכטיק אנגעהויבן ארומגראבן די ערד, ביז ער האָט ניט אנטהיילט דעם קאפּקאן,





די קײטן מיט די ברעטער, לאָזנדיק זײ אָפן, האט ער געמאכט

דאסזעלבע מיט א האלבע־מוץ נאך אנדערע קאפקאנעס.

באלד האב איך באמערקט אז ער שטעלט זיך אפ און פאר־קערט אין א זייט, ווי נאר ער באמערקט פארדעכטיקע סימנים אויפן שטעג און באלד איז ביי מיר געבוירן געווארן א נייער געדאנק, ווי אזוי אים איבערצושפיצן.

איך האב אויסגעשטעלט די קאפקאנעס אין פארם פון H דאס הייסט צו איין רייע קאפקאנעס פון יעדער זייט פון וועג און איין קאפקאן אויף דעם וועג, ווי א שטעגל פאר H. ניט לאנג איז מיר אויסגעקומען צו ווארטן. איך זאל געווארווערן פון דער פרי־שער מפלה. לאבא האט זיך באוויזן אין דער לייג פון דעם וועג און איז שוין אריינגעטראטן צווישן די פאראלעלע רייען פון קאפקאנעס, פלוצלונג האט ער באמערקט דעם זייטן־קאפקאן, וואס איז געלעגן אין דער ברייט פון וועג, ער האט זיך צו דער צייט אפ־געשטעלט—און פארוואס און ווי אזוי ער האט זיך אנגעשטויסן אן דעם שפיצל, קען איך ניט זאגן, ווי עס זאל אבער ניט זיין—האט ער אויף א טריט ניט אפגעקערט זיך ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס, נאר לאנגזאם און פארזיכטיק איז ער אפגעטראטן אויף זיינע אייגענע שפורן, שטעלנדיק יעדע לאפע אויף איר פריהער־דיקן שפור, ביז ער האט ניט אויסגעמיטן דעם געפערלאכן ארט. צוקומענדיק דאמאלסט צו דער צווייטער זייט, האט ער אנגעהויבן צו גראבן די שטיינער און הייפלאך ערד מיט זיינע הינטערשטע פיס, ביז ער האט ניט אראפגעשיט אלע קאפקאנעס איינס נאכן



לאָבאָ אַנטדעקט די קאַפּקאַנעס.

צווייטן. אזוי האָט ער דורכגעמאַכט ניט איין מאָל, און ווי קונציק כ׳האָב זיי ניט אויסגעשטעלט, ווי פאָרזיכטיק איך בין ניט געווען — האָט ער זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פאַרנאַרן. זיין שכל איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך. ער וואָלט אַזוי פאָרגעזעצט זיין רויבערישע טעטיקייט, ביזן היינטיקן טאָג, ווען ניט דער אומגליקלאַכער בונד, וואָס האָט אים אומגעבראַכט, פאַראייניקנדיק זיין נאָמען מיט דער לאַנגער רשימה פון העלדן, וועלכע מ׳האָט ניט געקענט באַזיגן, כל זמן זיי האָבן געקעמפט אַליין, און וועלכע זיינען געפאַלן דורך אַן אומפאָרזיכטיקייט פון אַן אַנגעטרויטן פערזאָן.

.3

איין אָדער צוויי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַמערקן אַז אין דער שאַרע פון קורומפּא איז ניט אַלץ גלאַטיק. ס׳איז געווען קלאָר, אַז עפּעס אַן אומאָרדנונג האָט זיך אַהין אַריינגעגנבעט: אַזוי למשל האָב איך פון צייט צו צייט באַמערקט אַ שפּור פון אַ קליינעם וואָלף, וועלכער איז געלאָפן פאָרן פירער,

דאָס האָב איך בשום אופן ניט געקענט פארשטיין, ביז איינער פון די יעגערס האט מיר ניט דערקלערט:

— „כ'האב זיי היינט געזען", — האט ער געזאָגט — „און דער וואס שטייט אָפּ פון דער שארע איז בלאנקא".

איצט איז מיר געוואָרן פולקום קלאָר.

— „איצט ווייס איך", — האָב איך געזאָגט, — „אז בלאנקא איז אַ וועלפין; ווען אַ וואָלף וואָלט געוואגט צו טאן דאָסזעלבע, וואלט זיך לאָבאָ ניט אָפּגעשטעלט אים צו דערהרגענען".

דאָס האָט מיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם געדאנק. איך האָב געשאָכטן אַ קעלבל און האָב אַרומגעשטעלט זיין פגר, מיט קאַפּקאַנעס, וואס זאָלן זיך גלייך וואַרפן אין די אויגן, אָפּהאַקנדיק זיין קאָפּ, האָב איך עס געלייגט עטוואָס ווייטער און האב צוגעשמידט ביי די זייטן צוויי שטאַרקע שטאַלענע קאפּקאנעס, ווי געהעריק אויסגעלופטערט פון יעדן גערוך און ווי געהעריק פאַהאלטענע. בעת די פאַרבאַרייטונגען זיינען מיינע הענט, מיינע שיך און מיין געוועהר געווען באשפּריצט מיט בלוט; דערנאך האב איך באשפּריצט מיט דעם בלוט די ערד — גלייך ווי זי וואלט אויסגערונען פון דעם קאָפּ; און באגראבנדיק די קאפּקאנעס, האב איך ארומגעפאכעט די ערד מיט אַ פעל פון אַ קאַיאָט, און האב אנגעצייכנט אַ סך שפורן מיט דער לאַפּע פון דערזעלבער חיה איבער די באהאלטענע קאפּקאנעס. דער קאָפּ איז געווען אַזוי

אויסגעלייגט אז ס'איז געבליבן א שמאלער דורכגאנג צווישן אים און צווישן די געוויקסן, וואס זיינען אין דער נאכט געוואקסן — אין דעם דורכגאנג האב איך אוועקגעשטעלט צוויי פון מיינע בעסטע קאפקאנעס, צושמידנדיק זיי צו דעם קאפ.

עס ליגט שוין אין די געוואוינהייטן פון א וואלף זיך צו דערנענטערן ארומצוזען יעדן פגר, וואס זיי שפירן, כאטש זיי האבן ניט אין זינען אים צו פארברויבן, און איך האב געהאפט אז די געוואוינהייט וועט אונטערפירן די שארע קורומפא אונטערן שטורעם פון מיין לעצטן איינפאל. איך האב ניט געצווייפלט, אז לאבא וועט זיך אנשטויסן אן מיין שפיצל ביי דעם פגר און וועט ניט דערלויבן דער שארע, זיך צו אים צו דערנענטערן; מיינע האפענונגען האבן זיך קאנצענטרירט אויפן קאפ, וואס האט אויסגעזען, פונקט ווי זי וואלט געווען אפגעווארפן אין א זייט ווי אן אומנוציקע.

צומארגנס, בין איך געגאנגען באקוקן די קאפקאנעס, און — א וואונדער! — אט זיינען די שפירן פון דער שארע, און דער קאפ מיט די קאפקאנעס איז ניט געווארן. דאס שנעלע אויספארשונג פון שפור האט געוויזן, אז לאבא האט איינגעהאלטן די שארע ארומצושמעקן דעם פגר, איין קורצגעוויקסיקער וואלף האט זיך אבער אפגעטיילט פון דער שארע, ארומצוקוקן דעם קאפ און איז גלייך אריין אין איינעם פון די קאפקאנעס.

מיר האבן זיך געלאזט נאכן שפור און מיר זיינען נאך

ניט אָפּגעפארן קיין מייל, ווען מיר האבן זיך איבערצייגט, אַז דער שלימזלדיקער וואלף איז טאקע פלאנקא. דאָך איז ער אָפּגע־טראָטן אין א גאלאָפּ, און כאָטש ער איז געווען באלעסטיקט מיטן קאָפּ, וואָס האט געוואויגן, ניט ווינציקער ווי פופציק פונט, האט ער איבערגעיאָגט מיין חבר, וועלכער איז געגאנגען צו פוס. אָבער מיר האָבן אים דעריאָגט ביי די פעלזן, ווייל די הערנער פון דער קו האָבן זיך פארטשעפּעט פאר די שטיינער און אים פעסט געהאלטן. איך האָב נאָך אין מיין לעבן קיין שענערן וואלף ניט געזען, זיין פעל איז געווען אין אן אויסגעצייכנטן צושטאנד און כמעט אין גאנצן ווייס.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אונז צום קאָמף און האָט ארויסגעלאָזט א לאנגן רופגעשריי פון זיין שטאם, וועלכער האָט הילכיק אָפּגעקלונגען איבערן בארגטאָל. פון וויטנס האָט זיך דער־הערט איבער טאָל א טיפער דונערן, דער ענטפער־געשריי פון אלטן לאָבאָ. דאָס איז געווען בלאנקאָס לעצטער געשריי, ווייל באלד האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף אים, און די גאנצע קראפט פון זיינע מוסקולן און זיין אָטעם האָט זיך אָנגעווענדעט אויפן קאמף.

דאָ קומט די אומפארמיידלאכע טראגעדיע, די ערינערונג פון וועלכער ס׳קרענקט מיר מער פון דער זאך אליין. יעדער פון אונז האט אָנגעוואָרפן א לאסא אויפן האלז פון דער פארמשפּטער וועלפין. נאָך וואָס מיר האָבן צוטריבן די פערד אין פארשיידענע זייטן: בלוט האָט זיך געלאָזט פון איר מויל, אירע אויגן זיינען



לאָבאָ און בלאַנקאַ.

טונקל געוואָרן, די גלידער האָבן זיך אויסגעצויגן, און באַלד אָנמעכטיק זיך אַראָפּגעלאָזן. מיר זיינען גיך אַוועק מיט דער מוי־טער וועלפין, פרייענדיק זיך מיט דעם ערשטן טויטקלאַפּ, וועלכן ס'איז אונז געלונגען צו דערלאַנגען דער שאַרע פון קורומפּאָ.

אין דער צייט פון דער טראַגעדיע און בעת דעם צוריק־קער, האבן מיר ניט אויפגעהערט צו הערן דעם ברילן פון לאָבאָ, וועלכער האָט געקלעטערט גאַנץ ווייט אין טאָל, זוכנדיק בלאַנקא. ער האַט זי ניט געוואָלט פאַרלאָזן. וויסנדיק אָבער, אַז אים וועט זיך ניט איינגעבן סיי ווי סיי איר צו העלפן, איז ער ניט ווילנדיק אָפּגעטראָטן פאַרן איינגעוואָרצלטן פחד פון דעם פייערשיסנדיקן געווער. דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר געהערט זיין טרויעריקן ברילן —און ענדלאַך האָב איך געזאָגט צו איינעם פון די יעגערס:

— „איצט בין איך זיכער, אַז בלאַנקא איז געווען זיין חברטע".

ביינאַכט האַט ער זיך ווי ס'ווייזט אויס דערנענטערט צו אונזער באַרגטאָל, ווייל זיין קול האָט געקלונגען אַלץ נענטער. איצט האָט מען שוין געהערט אין אים אַן אמתן אָפּקלאַנג פון טרויער, דאָס איז שוין ניט מער געווען זיין הויכער, שטאַרקער קול, דאָס איז געווען אַ לאַנגער ביטערער וואי. —„בלאַנקאָ, בלאַנ־קאָ!"—האָט ער זי ווי גערופן. ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט האָב איך באַמערקט, אַז ער געפינט זיך ניט ווייט פון אָרט, וואו מיר האבן זי דעריאַגט. ענדלאַך איז ער ווי ס'ווייזט אויס אנ־געפאלן אויפן שפור, און ווען ער איז צוגעגאנגען צום ארט, וואו

מיר האבן זי דערהרגעט, איז געווען א רחמנות צו הערן זיין הארצרייסנדן געשריי. אפילו די הארטע יעגערס האבן אויך געזאגט, אז קיינמאל האבן זיי נישט געהערט, אז א וואלף זאל זיך אזוי צום הארצן נעמען. ווי עס שיינט, האט ער געגעני געוואוסט, וואס דא איז פארגעקומען—דער ארט פון איר טויט איז געווען פארפלעקט מיט איר בלוט.

דערנאך האט ער ארומגעשמעקט דעם שפור פון די פערד און האט אים נאכגעפאלגט ביזן פערמע. צו האט ער געהאפט זי צו געפינען, אדער ער האט געוואלט נוקם זיין זיך, ווי ס'זאל נישט זיין, איז די נקמה געפאלן אויף זיין גורל, ווייל, טרעפנדיק הינטער דעם טויער אונזער אומגליקלאכן וואכהונט, האט ער אים צוריסן אויף שטיקער, אין פופציק יארד פון טויער. דאס מאל איז ער, ווי עס שיינט, געקומען אליין; צו מארגנס האב איך געפונען איין איינציקן שפור, און ס'איז געווען קענטיק, אז ער האט זיך געטראגן מיט א לייבטווינקער ראשקייט, וואס איז נישט געלעגן אין זיינע געוואוינהייטן.

איך האב אויף דעם אביסל געגערעכנט און האב צוגעשטעלט נאך קאפקאנעס אין פארשיידענע ערטער פון פאשע־פעלד. דערנאך האב איך זיך איבערצייגט, אז ער איז טאקע אריינגעפאלן אין איינעם פון זיי, אבער זיין קראפט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט זיך ארויסגעריסן אויף דער פרייהייט און האט אים פון זיך אראפגעווארפן.

איך האב גערעכנט, אז ער וועט ניט אויפהערן צו קלעטערן אין אונזער שכנות, ביז ער וועט ניט געפינען דעם טויטן קערפער פון בלאנקא, דערפאר האב איך געווענדעט מיין גאנצע ענערגיע צו כאפן אים, ביז ער וועט ניט פארלאזן אונזער שכנה־שאפט און ניט ארויסגיין פון זיין לייבטזיניק ווילדער שטימונג. איצט האב איך פארשטאנען, סארא פעלער מיר האבן געמאכט, טויטנדיק בלאנקא. באנוצנדיק זי אלס לעבעדיקע צוציהונג, וואלט איך אים געפאנגען גלייך די ערשטע נאכט.

איך האב צוזאמענגענומען אלע קאפקאנעס, וויפיל איך האב נאר געקענט,—הונדערט דרייסיק שטארקע שטאלענע וועלפ־קאפ־קאנעס—און האב זיי צושטעלט צו פיר אויף יעדן פון די שטעגן, וואס האבן זיך צוזאמענגעקומען ביים קאניאן; יעדער קאפקאן איז געווען באזונדער צוגעשמידט צום ברעט, און יעדעם ברעט באזונדער באגראבן. גראבנדיק זיי, האב איך אראפגענומען פאר־זיכטיק די דערנער און גראז און האב צוזאמענגעלייגט יעדן שטיק פון דער אויסגעקליבענער ערד אויפן ברעזענט; אויף אזא אופן, ווען אלץ איז שוין פארטיק געווען, און דאס גראזווארג צוריקגעלייגט, האט מען מיטן אויג ניט געקענט דערקענען קיין זכר פון מענשלאכער ארבעט. באהאלטנדיק די קאפקאנעס, האב איך דורכגעשלעפט דעם טויטן קערפער פון בלאנקא איבער יעדן ארט, ארומרינגלענדיק די פערמע מיט א קרייז, און צום סוף האב איך ביי איר אראפגענומען איין פוס און אנגעמאכט דערמיט א

רייע שפורן איבער יעדן קאפקאן. מיט איין ווארט, איך האב אויס־געניצט אלע באקאנטע שפיצלאך און מיטלען, און שפעט ביינאכט בין איך אוועק אין ערוואַרטונג פון די פאלגן.

איינמאל האט זיך מיר אין פארלויף פון דער נאכט געדאכט, אז כ׳הער דעם אלטן לאבא; אבער כ׳בין אין דעם ניט זיכער געווען. צומארגנס בין איך געפארן ארומזען די קאפקאנעס אבער דער אוונט איז צוגעפאלן איידער כ׳האב באוויזן צוצו־פארן צום נארד־טאל און כ׳האב זיך געמוזט אומקערן אן א רעזולטאט.

ביים נאכט־עסן האט איינער פון די יעגערס באמערקט:—אינ־דערפרי האט דאס שאף געמאכט א טומל אין דעם דרום־קאנ־יאן, — צי איז עפעס ניט אריינגעפאלן אין די קאפקאנעס?

עס איז שוין געווען שפעט נאכמיטאג ווען איך בין אויף צומארגנס צוגעקומען צו דעם אנגעוויזענעם ארט.

ווען כ׳האב זיך דערנענטערט, האט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד א גרויסע גרויע פיגור, פרובנדיק אומזיסט זיך ארויס־רייסן אויף דער פרייהייט, און איך האב דערזען פאר מיינע אויגן לאבא, דעם קעניג פון קורומפא, איינגעשמידט מיט די צוואנגען פון קאפקאנעס.

אלטער, אומגליקלאכער העלד! ער האט ניט אויפגעהערט ארומצוזוכן זיין געליבטע, און ווען ער האט געפונען דעם שפור,

וואס איז געווען דורכגעלייגט מיט איר לייב, האט ער זיך לייבט־זיניק געווארפן נאך אים און איז אריינגעפאלן אין דער אונטער־געשטעלטער פאסטקע. דא איז ער געלעגן אין די אייזערנע צוואנגען פון אלע פיר קאפקאנעס פולקום מאכטלאז און די אויסגעטראָ־טענע ערד ארום אים האט געוויזן, אז די בהמות האבן זיך געק־ליבן חזק צו מאכן איבערן געפאלענעם העלד, נית וואגנדיק צו צוטרעטן אויף א נענטערן שטח. ער איז אפגעלעגן דא צוויי טעג און צוויי נעכט, און איז ארוים פון די כחות, רייסנדיק זיך אויף דער פרייהייט. דאך, ווען כ׳בין צו אים צוגעגאנגען, איז ער אויפגעשטאנען, זיינע האר האבן זיך ביי אים אויפגע־שטעלט און דערהויבנדיק זיין שטימע, האט ער דעם לעצטן מאל אויפגעציטערט דעם בארגטאל מיט א טיפן נידעריקן ברילן, מיטן רופברילן פון זיין שארע. נאר קיינער האט אים נית געענטפערט, און עלנד אין דער שעה פון דעם ביטערן נויט, האט ער זיך אויסגעדרייט, און צוזאמענעמענדיק די כחות האט ער זיך פאר־צווייפלט א רים געטאן, וועלנדיק מיך אנכאפן. אומזיסט אבער, יעדער קאפקאן איז געווען א טויטע לאסט פון דרייהונדערט פונט און אין ווייערע שטארקע פירפאכע צוואנגען, מיט די לאפעס, צוזאמענגעצויגענע גרויסע קינבאקן און צוזאמענגעפלאנטערטע שטארקע ברעטער און קייטן, איז ער געווען פולקום מאכטלאז; ווי געקריצט האבן זיינע באקציינער איבער די מערדערישע קייטן! ווען איך האב זיך געוואגט צו צורירן צו אים מיטן שפיץ פון מיין ביקס, האט ער אים געלאזט קנייטשן, וואס זיינען געבליבן

עד היום. זײַנע אויגן זײַנען גרין געוואָרן פֿון שנאה און צאָרן, און די קינבאַקן האָבן געקנאַקט מיט א לײדיקן: „טראַסק", פּרובנדיק אָנצובאַפּן מיך און דאס ציטערדיקעס פֿערד. ער איז אָבער אָפּגעשוואַכט געוואָרן פֿון הונגער, מי און בלוטפֿאַרלוסט — און איז ווידער געפֿאַלן אָנמעכטיק אויף דער ערד. עפּעס ענלאַכעס צו אַ געוויסנביסן, האָט זיך באַוועגט אין מיר, ווען כ'האָב זיך צוגעגרייט אים צו באַצאָלן מיט דעמזעלבן, וואָס אזוי פֿיל האָבן געליטן פֿון אים.

— גרויסער, אלטער מלך, העלד פֿון טויזנטער אומבאַרעכטיקטע אָנפֿאַלן, אין א ווײַלע אַרום וועסטו זײַן ניט מער ווי אַ שווערער פּגר. אַנדערש קען ניט זײַן — דאָ האָב איך אַראָפּגעלאָזט מײַן לאַסאָ, וואָס איז מיט א פֿײַף אַדורכגעפֿלויגן איבער זײַן קאָפּ. אָבער נאָך ניט: ער האָט זיך נאָך ניט איבערגעגעבן און עס האָט נאָך ניט דערוויזן דער ווײַכער שטריק זיך אַראָפּצולאָזן אויף זײַן האַלז, ווי ער האָט אָנגעכאַפּט מיט די ציינער דעם שטריק און האָט אים גלײַך צושפּאָלטן.

מיר איז, פֿאַרשטייט זיך, געבליבן נאָך מײַן ביקס, אָבער ס'איז אַ שאָד געווען קאַליע צו מאַכן זײַן קיניגלאַכן פֿעל — איך האָב זיך געלאָזט צוריק אין לאַגער און בין געקומען מיט די יעגער און אַ זאַפּאַס־לאַסאָ. מיר האָבן געוואָרפֿן צו אונזער קרבן אַ שטעקן, וועלכן ער האָט אָנגעכאַפּט מיט די ציין, און ער האָט זי נאָך ניט באַוויזן אָפּצוואַרפֿן, ווי אונזערע לאַסאָס האָבן

אַ פייף געטאָן אין דער לופטן און אַרומגעכאַפּט זיין האַלז.



נאָר איידער דאָס ליכט איז פאַר־לאָשן געוואָרן אין זיינעווילדע אויגן, האָב איך מיט אַ מאָל אַ געשריי געטאָן:„—וואַרט, לאָמיר איהם ניט טויטן, לאָמיר איהם נעמען לעבעדיקערהייט“. ער איז איצט אַזוי שוואַך געווען, אַז ס׳איז אונז לייכט געווען אַריינצורוקן איהם אַ גראָבן שטעקן אין מויל, אונטערצו־רוקן איהם אונטער די באַקציין, און פאַר־בינדן איהם די קינבאַקן מיט אַ פעסטן שטריק, וועלבער איז אויך געווען צוגעפעסטיקט צום שטעקן. דער שטעקן האָט פאַרהאַלטן דעם שטריק, דער שטריק דעם שטעקן, וואָס האָט איהם געמאַכט פולקום אומשעדלאַך. דערפילנדיק זיינע באַקציינער פאַרבונדן, האָט ער אויפגעהערט צו שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד—און ניט אַרויסלאָזנדיק קיין קלאַנג, האָט ער רואיק געקוקט אויף אונז, ווי ער וואָלט געזאָגט:„—נו, ענדלאַך האָט איר מיך געפאַנגען, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט!“ און פון דער צייט האָט ער אויפגעהערט אויף אונז צו קוקן.

[illegible] מיר [illegible] האָבן איהם פעסט פאַרבונדן די פיס, ער האָט קיין איין מאָל [illegible] געפילט און ניט אָפּגעדרייט זיין קאָפּ [illegible] האָבן מיר איהם

ארויפגעזעצט אויפן פערד. זיין אטעם האט געקלונגען גלייך, פונקט ווי אין א חלום און זיינע אויגן זיינען געווען ווידער ליכ־ טיק און גלאנציק, אבער זיי האבן אויף אונז ניט געקוקט. זיי האבן געקוקט אויפן טאל, וואס האט זיך אנטפלעקט פון ווייטנס, אויף זיין געוועזענער מלוכה, וואו ס׳איז געבליבן זיין צושאטענע שארע און ער האט ניט אויפגעהערט צוקוקן, ביז דער פערד האט זיך ניט אראפגעלאזט איבערן שטעג צום בארגטאל און די פעלזן האבן אים ניט פארשטעלט דעם שטח.

לאנגזאם רייטנדיק, זיינען מיר געקומען בשלום צו דער פערמע און פארזארגנדיק דעם וואלף מיט א האלקייט, האבן מיר אים צוגעבונדן צום פאשעפעלד און באפרייט אים פון די שטריק. איצט האב איך געקענט ווי געהעריק גענוי ארומקוקן אים און איך האב זיך איבערגעציינט, ווי ווייניק אמת געפינט זיך אין די פאלקסגלויבנס פון די העלדן און דעספאטן. ער האט ניט געהאט קיין גאלדענע קייט אויפן האלז, ניט קיין איבערגעדרייטן קרייז אויפן רוקן, אלס צייכן פון אפמאך מיטן שטן. דערפאר האב איך געפונען אויף זיין זייט א גרויסןברייטן שראם, וועלכע האט אים געמאכט, ווי מ׳האט דערציילט, יונאנא, די פירערן פון טאנגעריים וועלפהינט מיט איר באקצאן—א צייכן, וועלכן זי האט אים געלאזט א ווײלע פאר דעם, ווי ער האט זי מוטערהייט אוועקגעשליידערט אויפן זאמד פון קאניאן.

איך האב אוועקגעשטעלט פאר אים וואסער און פלייש,

ער האט אבער ניט א קוק געטאן אויף דעם. ער איז רואיק געלעגן אויפן ברוסט, קוקנדיק מיט זיינע שטעכעדיקע געלע אויגן דורך מיר, דורכן ארייןגאנג אין בערגטאל, א הין — אין די אפענע טאלן — זיינע טאלן, ניט באוועגנדיק מיט קיין אבר, ווען איך האב זיך צו אים צוגערירט. ווען די זון איז פארגאנגען, — האט ער זיך נאך אליין איינגעקוקט אין דער פרעריע. כ'האב געמיינט, אז ער וועט רופן צו הילף זיין שארע ביי נאכט און כ'האב זיך צוגעגרייט זי אויפצונעמען, אבער ער האט שוין איינמאל גערופן אין א שעה פון פארצווייפלונג — קיינער איז צו אים ניט געקומען, קיינמאל וועט שוין מער ניט קלינגען זיין רוף.

א לייב, וואס פארלירט זיין קראפט, אן אדלער, ביי וועלכן מ'רויבט צו זיין פרייהייט, א טויב וואס פארלירט זיין חברטע, — אלע שטארבן זיי, ווי מ'זאגט פון א צובראכן הארץ; און ווער קען מיך פארזיכערן אז דאס הארץ פון דעם שטרייגן באנדיט האט געקענט אומבאשטראפט אויסהאלטן דעם דרייפאכן פרוב? איך ווייס נאר, אז צו מארגנס, איז ער נאך אליין געלעגן אין א פאזע פון אומבאגרענצטער רואיקייט מיט אן אומבארידטן קערפער אבער שוין אן א נשמה — דער אלטער וואלפנקיניג איז געווען טויט.

איך האב אראפגענומען די קייט פון זיין האלז, איינער פון די יעגערס האט מיר צוגעהאלפן איבערטראגן זיין קערפער

אונטער א דאך, וואו עס איז געלעגן דער טויטער קערפער פון בלאנקא, און אראפלאזנדיק אים אויף דער ערד, האט דער יעגער אויסגערופן:

— „ס'האט זיך דיר געוואלט צו איר—אט זייט איר צוזאמען!"



לאָבאָ שטופּט אַראָפּ פון די פיס דאָס אויסגעווײלטע קעלבל.